בס"ד

בשלח תשפ"ו

גליון 270

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זיין
וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

דער ריינער קוואל

## ח'יפּוּש נְ'קוּדוֹת ט'וֹבוֹת

דעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען 'שַׁבַּת שִׁירָה'. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז שַׁבַּת שִׁירָה פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פָאְרן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק מִיט אַ וַוארֶעמְקֵייט, נִישְׁט צוּ פַארְשְׁלָאפְן דִי יָארְן.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייט זַיין 'חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט'. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער טָאג אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, "ווֶען עֶס קוּמְט דִי אַלֶע זְמַנִּים בִּין אִיךְ נַיי, נִישְׁט אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר" אוּן דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט אוֹיס דִי יָמִים טוֹבִים, פּוּרִים אוּן חֲנוּכָּה אוּן אוֹיךְ רֶעכְנְט עֶר אַרַיין 'חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט', אַז אִין דֶעם טָאג ווֶערְט עֶר גָאר נַיי. זֶעט מֶען אַז דֶער טָאג אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בִּפְרַט אַז אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן דֶעם רֶבִּי'נְס תַּלְמִיד, ר' נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיז זִיכֶער דָאס אַ הִילְף פַאר אוּנְז זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט אַ נַייעֶ אָנְהֵייבּ, אוֹיךְ אִיז דָאס מְרוּמָז אִין תּוֹרָה, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה... (דברים כ, יט) אַז אִין דֶעם טָאג קוּמְט אַרַיין אַ פְרִישְׁקֵייט אִין דִי בֵּיימֶער, רוֹב בֵּיימֶער ווֶעלְכֶע גִיבְּן אַרוֹיס פֵּירוֹת שְׁטֵייעֶן ווִינְטֶער פַארְטְרִיקְנְט אָן קֵיין בְּלֶעטְלֶעךְ אָדֶער פֵּירוֹת, זֵיי שְׁטֵייעֶן פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט אָן קֵיין שֵׁיינְקֵייט, אָבֶּער חֲזַ"ל פַארְצֵיילְן אוּנְז אַז דַווְקָא יֶעצְט אִינְמִיטְן דֶעם קַאלְטְן ווִינְטֶער, ווֶען עֶס בְּלָאזְן ווִינְטְן, עֶס גֵייעֶן שְׁנֵייעֶן אוּן רֶעגְנְס דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בַּאנֵייאוּנְג, אַז שְׁפֶּעטֶער זוּמֶער ווֶעלְן זֵיי אַרוֹיסְגֶעבְּן זִיסֶע פֵּירוֹת, אָבֶּער ווֶען הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְלֶעבְּן? ט"ו בִּשְׁבָט.

בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, ווֶען מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען אִיז לֵיידִיג אוּן נַאקֶעדִיג, פַארְשֶׁעמְט פַארְן נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ קֵיין שׁוּם נְקוּדָה טוֹבָה אִין זִיךְ, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז טַאקֶע דַאן אִיז דִי צַייט ווֶען דוּ הֵייבְּסְט אָן וַואקְסְן אוּן בְּלִיעֶן.

חֲזַ"ל זָאגְן אַז ט"וּ בִּשְׁבָט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי 'חֲנָטָה' אִין דִי בֵּיימֶער, זָאגְט ר' אֶפְרָיִמ'ל אִין עֹנֶג שַׁבָּת אַז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן חֲנָטָה אִיז ח'יפּוּשׂ נְ'קוּדוֹת ט'וֹבוֹת הַ'רְבֵּה! צוּ גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה פוּן אֲזַמְּרָה אוּן טְרֶעפְן אִין זִיךְ דַוְקָא אִין דִי פַארְפְרוֹירֶענֶע צֵייטְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת דוּרְכְדֶעם ווֶעט אַרוֹיסְקוּמֶען גוּטֶע פֵּירוֹת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן דֶעם שַׁבַּת שִׁירָה, צוּ שְׁפִּירְן דִי הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט בַּיי קְרִיאַת-יַם-סוּף, וַיִּירְאוּ הָעָם אֶת ה', צוּ בַּאקוּמֶען דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִינְגַאנְצְן, בִּפְרַט אַז מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין גַאנְץ נָאנְט צוּ פּוּרִים, מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער "הַצִּילֵנוּ מִקְּלִפַּת הָמָן עֲמָלֵק, וְזַכֵּנוּ לִקְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מְקוֹרָב ווֶערְן צוּם רֶבִּי'ן פוּן דָאסְנֵיי, ווֶעט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דֶער ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער ווֶעלְט.




# אַ נִסָּיוֹן – פַּאר דַיין טוֹבָה

שְׁטוּב, אוּן אַז אִיךְ שְׁלָאף אַלֵיינְס אוֹיפְן פָּאדְלָאגֶע אִין קָאךְ - דָאס וָואלְט אִיךְ נָאךְ אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעשְׁוִויגְן. אָבֶער אִיבֶּער דֶעם אַלֶעם, לַייד אִים אוֹיךְ פוּן אַלֶערְגִיעֶס, אִיךְ בִּין אַלֶערְגִיש צוּ מִילְכִיגְס, אוּן אוֹיב אִיךְ עֶס מִילְכִיגְס בְּלָאזְט זִיךְ אוֹיף מַיינֶע לוּנְגֶען, אוּן עֶס וֶוערְט מִיר אַ סַכָּנָה. פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹיפִיל לַיידְן וֶוען אִיךְ זִיץ - לְמָשָׁל - בַּיי אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה, אוּן מֶען טֵיילְט דָארְטְן מִילְכִיגֶע קִיכֶעלֶעךְ אוּן טְשָׁאקְלַאד מִילֶעךְ, אַלֶע הָאבְּן הֲנָאָה, נָאר אִיךְ דֶער נֶעבֶּעכְ'ל מֶעג נִישְׁט עֶסְן? הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט צוּ אִיךְ בִּין אִינְטֶערֶעסִירְט - צוּ לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן זִיךְ פַארְמֶעסְטְן?! וִויפִיל כּוֹחוֹת הָאבּ אִיךְ דֶען - אִיךְ בִּין סַךְ הַכֹּל אַ יוּנְגֶער בָּחוּרְ'ל פוּן שִׁיעוּר א'"...

דֶער זֵיידֶע הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט רַחֲמָנוּת - נָאךְ הַאלְטְנְדִיג דֶעם גְלֶעזְל טֵיי וָואס אִיז שׁוֹין אִינְצְוִוישְׁן לֵיידִיג גֶעוָוארְן - אוּן זַיינֶע רַחְמָנוּתְ'דִיגֶע אוֹיגְן הָאבְּן אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן פוּן זַיין אֵיינִיקְל דָוִדְ'ל, אוּן מִיט אַ קְלָארֶע אוּן זִיכֶערֶע שְׁטִימֶע הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רִיכְטִיג אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער. מֶען הָאט דִיר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט צוּ דוּ הָאסְט דִי כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ פַארְמֶעסְטְן מִיט דִי שְׁוֶועריגְקַייטְן, אָבֶער טְרָאץ דֶעם, אוֹיבּ דוּ הָאסְט עֶס, אִיז עֶס אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט יָא דִי שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת

המשך פון זייט 12

זִיךְ צוּ פַארְמֶעסְטְן דֶערְמִיט! אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ דֶערְצֵיילְן נָאךְ מֶער - דָאס אִיז אַלֶעס פַאר דַיין טוֹבָה! יָא יָא, פַאר דַיין טוֹבָה!

"עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ טָאג, אוּן דוּ וֶועסְט מֶעגְלִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן אַז דַוְקָא דוּרְךְ דִי שְׁוֶועריגְקַייטְן בִּיסְטוּ גֶעשְׁטִיגְן אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. אִין דִי צַייט וָואס אַנְדֶערֶע פַארְמֶעסְטְן זִיךְ מִיט עֶסְן אִיבְּרִיג אוּן אוּמְגֶעזוּנְטֶע עֶסְן, קֶענְסְטוּ זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן אוֹיף דַיין עֶסְן. אִין דִי צַייט וָואס אַנְדֶערֶע וֶוערְן גֶעצֶערְטְלְט אוּן אֵיינְגֶעווֹאוֹינְט צוּ לֶעבְּן מִיט בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייטְן, הָאסְטוּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט צוּ זַיין צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילֶעךְ מִיט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט. דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין בְּרִידֶערְס, הָאסְטוּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט אָנְצוּקְנִיפְּן קְשָׁרִים מִיט אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים.

וָואס הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִיבֶּערְן בֶּערְגֶער'ס זוּן, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס כְּתַב? עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן אָרְט פוּן גְרוֹיס צַעַר. וָואס הָאט זִיךְ אָבֶער אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט? אַז דַוְקָא דָאס פַארְלִירְן אִיז גֶעוֶוען זַיין יְשׁוּעָה, אַז זִי הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעזוּכְט דֶעם כְּתַב, אוּן ווִי לַאנְג זִי הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, הָאט זִי נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם".



# אונטערוועגס #24

## בַּיי רֶבִּי נָתָנ'ס נְסִיעוֹת

*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

*רֶבִּי נָתָן וַויילְט אִסְרוּ־חַג בַּיים רֶבִּי'ן אִין בְּרֶסְלֶב. אִין נֶעמִירוֹב גְרֵייטְן זִיךְ דִי סוֹחֲרִים צוּ פָאְרְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוֹב פַאר מִסְחָר גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי. רֶבִּי נָתָן דַארְף פָארְן מִיט זֵיי אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁטָא. עֶר אַיילְט זִיךְ אַהֵיים מִיט אַ קְלַאפֶּעדִיגֶע הַארְץ.*

אַצִינְד לֵיינְט וַוייטֶער:

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אִסְרוּ־חַג אוֹיפְדֶערְנַאכְט, אִיז זַיין רֶעבֶּיצִין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעבִּיטְן זַיינֶע יוֹם טוֹבְ'דִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען מַעֲרִיב. וֶוען זַיין רֶעבֶּיצִין אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה. רֶבִּי נָתָן הָאט לַאנְג גֶעדַאוְונְט, אַזוֹי אַז זִי אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן וַוארְטְנְדִיג אוֹיף אִים.

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, קוּמְט רֶבִּי נָתָן אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּם דַאוְונֶען, אוּן וֶוערְט גֶעוְואוּיר אַז דִי סוֹחֲרִים מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן נֶעכְטְן, זֶענֶען נָאךְ אִין שְׁטָאט. וָואס אִיז גֶעשֶׁען? גָארְנִישְׁט בַּאזוּנְדֶער, נָאר אַז דֶער בַּעַל עֲגָלָה וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן גֶעדוּנְגֶען, הָאט צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן פוּן דֶעם אָפְּמַאךְ אוּן אִיז זִיךְ גֶעפָארְן עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

נָאךְ שַׁחֲרִית אִיז רֶבִּי נָתָן אַהֵיימְגֶעקוּמֶען. זַיין רֶעבֶּיצִין הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אִיבֶּער דֶעם פַארְלָאפֶענֶע נַאכְט, אָבֶּער פוּנְקְט דַאן הָאט עֶמִיצֶער גֶעקְלַאפְּט אִין טִיר מִיט אַ מֶעלְדוּנְג פוּן דִי סוֹחֲרִים אַז מֶען הָאט פַארְשַׁאפְט אַ צְוֵוייטְן בַּעַל עֲגָלָה אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ תֵּכֶף אַרוֹיס אִין וֶועג, עֶר זָאל זִיךְ זֶען צוּצוּיָאגְן וַוייל מֶען וִויל אַרוֹיסְפָארְן וָואס פְרִיעֶר.

אִין שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי נָתָן אִיז אַנְטְשְׁטַאנֶען אַ בֶּהָלָה. דִי רֶעבֶּיצִין אִיז גֶעלָאפְן צוּגְרֵייטְן דָאס עֶסְן פַאר אִיר מַאן אוּן קְלֵיידוּנְג פַאר דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה, אַזוֹי אַרוּם אִיז אִיר נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן צַייט צוּ פְרֶעגְן אִיבֶּערִיגֶע קֻשְׁיוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעיָאגְט פוּן שְׁטוּבּ.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג אָפְּוואוּנְדֶערְן פוּן רֶבִּי'נְס אָפֶענֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וִוי עֶר הָאט אִים אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט מַמָּשׁ אִין דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט, סַיי עֶר הָאט נִישְׁט פַארְפַּאסְט דִי נְסִיעָה מִיט דִי סוֹחֲרִים אוּן סַיי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט אַרַיינְצוּגֵיין אִין אִיבֶּערִיגֶע דִינְגֶערַייעֶן מִיט זַיין רֶעבֶּיצִין אִיבֶּער

זיין פּאַרְן צום רֶבּי'ן.

אויפְ'ן וֶועג הָאט עֶר זיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וויפּיל דער רֶבּי הָאט אים שׁוין גֶעהָאלְפְן אין די קוּרְצֶע תְּקוּפָה וָואס עֶר הָאט זיךְ בַּאקֶענְט מִיט אים ־ בְּרוּחָנִיוּת; מִיט אַזֶעלְכֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע תּוֹרוֹת און טְרֶעפְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל פְרִיעֶר נִישְׁט גֶעהֶערְט, און אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת; ווי אין דֶעם יֶעצְטִיגְן פַאל. עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זיךְ אַז אוֹיב עֶר וֶועט ווערְן אִינְגַאנְצְן מְקֻשָּׁר צוּ דֶעם צַדִּיק וֶועט עֶר קֶענֶען פִיל מֶער שְׁטֵייגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִין יֶענֶע מִינוּטְן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ פֶּעסְטֶע הַחְלָטָה, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן בְּלַייבְּט עֶר. נִישְׁט קֵיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זיךְ שְׁטֶעלְן קֶעגְן אִים, און וָואס עֶס וֶועט נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן!

צוּרִיק אַהֵיים

דִי נְסִיעָה פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב אַהִין און צוּרִיק, הָאט גֶעדוֹיעֶרְט בְּעֵרֶךְ אַ וָואךְ צַייט. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען קֵיין נֶעמִירוֹב, הָאט עֶר זיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע טֶעג מִיט סָארְטִירְן דִי סְחוֹרָה און בַּאשְׁטִימֶען דִי פְּרַייזְן. וֶוען עֶר אִיז פַארְטִיג גֶעוָוארְן מִיט דִי אַרְבֶּעט, הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאדוֹיעֶרְט דִי טַייעֶרֶע צַייט וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעוָואוֹירְן. אִין דִי צַייט וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען גֶעוֶוען מִיט הַאנְדְלֶען, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעקֶענְט ווידְמֶען אוֹיף נִצְחִיּוּת. עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַן אִינֶערְלִיכֶע דְרַאנְג צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע שְׁטוּנְדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן צוּ פַארְגִיטִיגְן פַאר דִי פַארְלוֹירֶענֶע שָׁעוֹת.

אֵיין טָאג, בִּשְׁעַת רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעדַאוְונְט, הָאט עֶר זיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעקֶענְט קָאנְצֶענְטְרִירְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּונָה און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַשְׁלִים זַיין דֶערְמִיט. עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט אַז נָאר צוּלִיב דֶעם וָואס זַיין מִשְׁפָּחָה הָאבְּן אַ הִתְנַגְּדוּת צוּם רֶבִּי'ן זָאל עֶר דַארְפְן דֶערְלֵייגְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. נֵיין, עֶר קֶען נִישְׁט. קוֹים עֶטְלִיכֶע מַייל פוּן דָא גֶעפִינְט זיךְ דֶער רֶבִּי וֶועלְכֶע קֶען אִים הֶעלְפְן אִין זַיינֶע פְּלָאגֶענִישְׁן, עֶר מוּז זיךְ קֶערְן צוּ אִים.

עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז וֶוען זַיין טַאטֶע זֶעצְט זיךְ צוּ מִיטָאג, קֶען עֶר זיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן פוּן שְׁטוּבּ קֵיין בְּרֶסְלֶב און בִּיז פַארְנַאכְטְס וֶועט עֶר שׁוין זַיין צוּרִיק, אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל בַּאמֶערְקְט וֶוערְט אַז עֶר פֶעלְט.

גֶעטְרַאכְט און גֶעטוּן. אָבֶּער פּוּנְקְט ווי בַּיי דֶער פַארִיגֶער בַּאזוּךְ, הָאט זיךְ דָאסְמָאל אוֹיךְ אָרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁלַאקְס רֶעגְן וָואס הָאט אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן וֶועג. אַזוֹי אַרוּם אִיז עֶר עֶרְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב פַארְנַאכְטְס.

נָאךְ מַעֲרִיב אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶע זַיינֶע שְׁוועֶרִיגְקֵייטְן וֶוער עֶר מַאכְט מִיט נָאר צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט זיךְ אָנְגֶערוּפְן: "צוּ דִיר דַארְפְן מִיר זָאגְן, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם! צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם!" און דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "אַז עֶס אִיז שׁוין גָאר שְׁלֶעכְט צִיט מֶען זיךְ צוּם אֱמֶת; וואוּ אִיז פָארְט דֶער אֱמֶת?"

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט אַ תּוֹרָה וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַז דֶער אֱמֶת אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ קֶענֶען רִיכְטִיג אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען. וֶוען אַ אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זֶענֶען אַרוּמְגֶערוּמֶען מִיט אַלֶע סָארְטְן פְּרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן גֶעפִילְן, הַאלְט דָאס אָפּ דִי וֶוערְטֶער פוּן צוּ דֶערְגְרֵייכְן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד אוּן וֶוען עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ צוּקוּמֶען צוּ אַ שְׁלֵימוּתְ׳דִיגֶע תְּפִלָּה מִיט לוֹיטֶערֶע כַּוָּנוֹת אוּן גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, טְרֶעפְט עֶר זִיךְ אָפְּט אַז עֶר פַאלְט צוּרִיק. וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה? גֵיין מִיטְ׳ן פִּינְטֶעלֶע אֱמֶת; דָאס הֵייסְט, אַנֶערְקֶענֶען דֶעם פְּלַאץ וואו מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אוּן אַרוֹיסְצוּזָאגְן דִי וֶוערְטֶער נַאטוּרְלִיךְ לוֹיט זַיין אִיצְטִיגֶע מַדְרֵיגָה אוּן פוּן דָארְט וֶועט עֶר שׁוֹין גֵיין שְׁטַאפְּלְוַוייז אַ טְרִיט נָאךְ אַ טְרִיט. וֶוען מֶען גֵייט מִיטְ׳ן אֱמֶת, הָאט מֶען דִי נוֹיטִיגֶע סַיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא דֶערְצוּ ווייל מֶען וֶוערְט בַּאגְלֵייט מִיט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס זַיין זִיגְל אִיז אֱמֶת. מִיטְ׳ן אֱמֶת קֶען מֶען טְרֶעפְן עֶפֶענוּנְגֶען פוּן וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיין אֵייגֶענֶע טוּנְקְלְקֵייט אוּן גָלוּת.

עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען פַּרְשַׁת נֹחַ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט הֶערְלִיךְ צַאמְגֶעפְלָאכְטְן דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן זַיין תּוֹרָה מִיט דִי פְּסוּקִים פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אַ אִיד וָואס הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, דַארְף דַאוֶוענֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּזָאגְן פַארְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן אֵיין וָוארְט מִיט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמֶת!״

## אײן געדאנק



מַיין קְלֵיין בְּרוּדֶער אִיז אֵיין טָאג אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן צוּ זַיין גְרוֹיס פְּרֵייד הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אוֹיפְ׳ן טִישׁ אַ זִיסֶע רוֹיטֶע עֶפְּל אוּן אַ מִילְגְרוֹים גְרֵייט אוֹיף ט״וּ בִּשְׁבָט.

״אַהההּ! ס׳גֵייט שׁוֹין זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה!״ הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט גְרוֹיס גְלִיק. ״אוּן מְ׳גֵייט אַיינְטִינְקֶען דִי עֶפְּל אִין הָאנִיג אוּן עֶסְן מִילְגְרוֹים!״

יָא, טַייעֶרֶע אִידְן, ס׳גֵייט שׁוֹין אָט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה! דִי וָואךְ וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בּוֹימֶער אִיז דִי צַייט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי מֶענְטְשְׁן. ס׳אִיז בִּכְלָל נִישְׁט צוּ פְּרִי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַארְ׳ן רֶבִּי׳נְס הֵיילִיגֶע קִבּוּץ. דָאס לֶעבְּן הָאט שׁוֹין גֶעוויזְן אַז ס׳אִיז נִישְׁט זֶעלְבְּסְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז מֶען מַאכְט אַ טִיקֶעט, מֶען פַּאקְט פֶּעק אוּן וַיִּסָּעוּ. דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִויפִיל תְּפִלּוֹת אוּן כְּסוּפִים מִיר דַארְפְן גִיסְן. לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט פוּן ט״וּ בִּשְׁבָט אוֹיף תְּפִלּוֹת פַאר דֶעם גְרוֹיסְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

# גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי
# בַּיי דִי אַכְצֶן יָאר



*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר*

*רֶבִּי יוּדְל, דֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זי"ע אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דָאן הָאט אֵיינֶער אִים גֶעזָאגְט: וָואס גֵייסְטוּ אַלֶעמָאל צוּם רֶבִּי'ן?! דֶער רֶבִּי וֵויל דִיר נִישְׁט לַיידְן! - ס'אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ שֶׁקֶר.*

***יעצט ליינט ווייטער***

ר' יוּדְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, גֶעוַואלְד - "אִיךְ וִויל דָאךְ אֱמֶת! אִיךְ וִויל דָאךְ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן! אִיךְ מֵיין דָאךְ אֱמֶת"!!! אִיז עֶר דְרַיי טֶעג נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן! דוּרְךְ דֶער לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען הָאט אָנְגֶערֶעדְט.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען; "וָואס זָאל אִיךְ טוּן? - אִיךְ וִויל דָאךְ פָּארְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן"! אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, וִוי נָאר עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים; "אַז מֶען ווִיל זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֱמֶת, אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דֶער שֶׁקֶר, אָבֶּער אַז מ'שְׁטַארְקְט זִיךְ - וֶוערְט נִתְהַפֵּךְ פוּן 'שֶׁקֶר' אוֹיף 'קֶשֶׁר'! הֶעסְטוּ שׁוֹין זַיין צוּ מִיר מְקֻשָּׁר וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט לֶעבְּן"!!!

פְלֶעגְט ר' יוּדְל אַלֶע יָארְן דֶערְצֵיילְן ר' הִירְשׁ לֵייבְּ'ן זַיין הִתְקַרְבוּת, אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְלָאזְן; אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר פַאר אַ יָאר אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה! אוּן בַּיי מִיר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלָאזְט 'דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין צוּ מִיר מְקֻשָּׁר וִוי לַאנְג דוּ וֶועסְט לֶעבְּן'!! צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט נָאכְאַמָאל - אַלֶע יָארְן זַיין הִתְקַרְבוּת!

וָואס רֶעדְן מִיר דָא?! אַז דֶער רֶבִּי - בַּיי 'עֶטְלִיכֶע אוּן צְוָואנְצִיג יָאר' אִיז גֶעוָוארְן צוּ אִים מְקוּרָב אַ תַּלְמִיד פוּן ר' פִּנְחָס'ן!

~ ~ ~

דֶער שְׁוֶוער פוּן דֶעם ר' יוּדְלֶ'ען הָאט גֶעהֵייסְן "רֶבִּי לֵייבּ טְרָאסְטִינֶעצֶער", אִיז דָא אַ מִכְתָּב, וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעוָואלְט אַדוּרְכְפִירְן אַ זַאךְ, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ ר' לֵייבְּ'ן - אַז עֶר זָאל זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין מִיט ר' לֵייבְּ'ן, אַז נִישְׁט הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם נִישְׁט גֶעקֶענְט אַדוּרְכְפִירְן דִי זַאךְ! אַזוֹי גְרוֹיס אִיז גֶעוֶוען דֶער ר' לֵייבּ.

ר' לֵייבּ אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אוֹיף דִי שִׁיף! הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן נִפְטַר וֶוערְן דָארְט אוֹיפְן שִׁיף; "וֶוען מַיין אֵיידֶעם זָאל דָא זַיין, וָואלְט עֶר מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן"! עֶר הָאט גֶעמֵיינְט ר' יוּדְלֶ'ען!

דָארְטְן אוֹיפְן שִׁיף טָאר מֶען דָאךְ נִישְׁט הַאלְטְן קַיין נִפְטַר, הָאט מֶען אִים צוּגֶעבּוּנְדְן צוּ אַ בְּרֶעט, מֶען הָאט אִים אַרָאפְּגֶעלָאזְט, אִיז דָאס בְּרֶעט צוּגֶעשְׁוִוימֶען צוּ אַ שְׁטָאט, אוּן אִין דֶער שְׁטָאט הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן אַן 'עַמּוּדָא דְנוּרָא', אַ פַייעֶר-זוֹיל הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן קֶעגְן דֶער מִטָּה זַיינֶע, אִין שְׁטָאט הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעזֶען אַן 'עַמּוּדָא דְנוּרָא', הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז וואוּ זָאל מֶען אִים בַּאעֶרְדִיגְן?!

הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דָארְטְן בְּקַבָּלָה פוּן אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע פִּנְקָס [אַ בִּיכְל פוּן דִי קְהִלָּה], אַז אֵיינֶער אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן פַאר הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק אוּן עֶר הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֵייגְן לֶעבְּן אִים - נָאר דֶער וָואס עֶס וֶועט זִיךְ בַּאוַוייזְן בַּיי זַיין מִטָּה אַן עַמּוּדָא

דְנוּרָא.

לִיגְט דָארְטְן ר' לֵייבּ בַּאעֶרְדִיגְט אִין דֶער שְׁטָאט נֶעבְּן יֶענֶעם צַדִּיק. דָאס אִיז אַלְץ רְאָיוֹת וִוי גְרוֹיס ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען, אַז דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעזָאגְט "וֶוען מַיין אֵיידֶעם זָאל דָא זַיין - וָואלְט עֶר מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן"! אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער אַזוֹיפִיל יָארְן, אוּן עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶערְמַאן!

בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיף אִים אַ קוּק גֶעטוּן, הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּקְט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט; "וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ גְלַייךְ מִיט דִיר?! נָאר אִיךְ בִּין נָאר קְלוּגֶער פוּן דִיר"!

דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּרִיק צוּגֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ מִיט רֵייד, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעגֶעבְּן אוֹיף אִים אַ קוּק, הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער דֶערְשְׁרָאקְן, הָאט עֶר וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, הָאט דֶער רֶבִּי אִים וַוייטֶער צוּגֶעצוֹיגְן מִיט רֵייד.

"וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ גְלַייךְ מִיט דִיר?! נָאר אִיךְ בִּין אַ חָכָם יוֹתֵר מִמְּךָ! - אִיךְ בִּין מֶער קְלוּגֶער פוּן דִיר"! בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסֶן הָאבְּן וִדּוּי דְּבָרִים.

דָאס אִיז אַלְץ רְאָיוֹת. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע רְאָיוֹת צוּ דֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְקַייט, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן - אַז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דֶערְצֵיילְן, וֶועלְן מִיר אַבִּיסֶעלֶע מַסְבִּיר זַיין דֶעם עֵרֶךְ דֶערְפוּן - פַּארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ - אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן פוּן עֶטְלִיכֶע אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, וֶוערְט צוּ אִים מְקוּרָב אַ 'צַדִּיק' - וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי ר' פִּנְחָסְ'ן אַלֶע יָארְן אַ תַּלְמִיד, אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוֶוען - אַז זַיין שְׁוֶוער וָואס הָאט גֶעהֵייסֶן אַ 'חָבֵר' מִיטְ'ן בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ אוּן הָאט עֶר אוֹיף אִיהם גֶעזָאגְט "אַז וֶוען עֶר זָאל וֶוען דָא זַיין וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט אַז אִיךְ זָאל נִסְתַּלֵּק וֶוערְן", אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַזַא מִין בִּיטוּל!!! קֶען מֶען פַּארְשְׁטֵיין אַבִּיסֶעלֶע דֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְקַייט - נָאךְ פַאר דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! בַּיי 'אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר' בַּיי 'צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר'!




# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען – מֵחֲמַת עֶר קֶען שׁוֹין אַהִין נִישְׁט קוּמֶען [ווייל עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט דָאס 'כְּתָב'] – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם 'מֶלֶךְ' פוּן דֶער 'מְדִינָה' – אוּן הָאט אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְט גָאר זַיין 'הָארֶץ', אוּן אַז עֶר אִיז אִיר 'חָתָן', אוּן אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִים וִויל זִי קַיין אַנְדֶערְן 'שִׁידוּךְ' נִישְׁט – אוּן מֵחֲמַת [ווייל] עֶר קֶען אַהִין נִישְׁט קוּמֶען – דְּרוּם [דֶערִיבֶּער] גִיבְּט עֶר אָפּ אַלֶע 'סִימָנִים' וָואס עֶר הָאט, צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' – דְּהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן וַואסֶערְן' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל זִיךְ גֵיין אַהִין – וֶועט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר – אוּן [פַאר] אִים, זָאל עֶר גֶעבְּן 'גֶעלְט' דֶערְפַאר!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' דֶערְקֶענְט: אַז זַיינֶע

רֵייד זֶענֶען ׳אֱמֶת׳ – וָואלְטְ מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטְן פוּן דֶעם ׳הַארֶץ׳!

אִיז דִי זַאךְ דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ גֶעפֶעלְן – נָאר דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט זִי [דֶעם קֵיסָרְ׳ס טָאכְטֶער] דָא בְּרֶענְגֶען אַהֶער, אוּן דֶער ׳בָּחוּר׳ וֶועט דָא זַיין – אִיז זִיךְ פַאר אִים [דֶער מֶלֶךְ] נִישְׁט גוּט – זָאל עֶר אִים הַרְגֶ׳ענֶען? – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט טָאן אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ – וָוארְן פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נָאךְ הַרְגֶ׳ענֶען, פַאר דֶער ׳טוֹבָה׳ וָואס עֶר הָאט אִים גֶעטָאן.

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], הָאט זִיךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״עֶר וֶועט אִים פַארְשִׁיקְן אוֹיף צְוֵויי־הוּנְדֶערְט מַייל וַוייט״!

הָאט עֶס אִים [דֶער בָּחוּר] זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, נָאךְ [אוֹיף] וָואס עֶר פַארְשִׁיקְט אִים, פַאר אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳טוֹבָה׳ וִוי עֶר הָאט אִים גֶעטָאן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דָארְט אוֹיךְ, צוּ אַ ׳אַנְדֶערְן מֶלֶךְ׳ – אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי דֶערְצֵיילְט, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – (דְהַיְינוּ דֶער ׳בָּחוּר׳, דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳ – וַוייל סְ׳הָאט אִים פַארְדְרָאסְן [אוֹיף] וָואס דֶער ׳עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ׳ הָאט אִים פַארְשִׁיקְט – אִיז עֶר [דֶערִיבֶּער] גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ ׳אַנְדֶערְן מֶלֶךְ׳, אוּן הָאט יֶענֶעם אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, מִיט אַלֶע ׳סִימָנִים׳ – כְּדֵי דֶער ׳אַנְדֶערֶער׳ זָאל גִיךְ לוֹיפְן נֶעמֶען דִי ׳יְפַת־תּוֹאַר׳) – אוּן הָאט אִים מוֹסֵר גֶעוֶוען [אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן] אַלֶע ׳סִימָנִים׳!

אוּן צוּ דֶעם ׳אַנְדֶערְן׳ [מֶלֶךְ] – הָאט עֶר נָאךְ מוֹסִיף גֶעוֶוען [צוּגֶעלֵייגְט] מֶער אַ ׳סִימָן׳!

אוּן עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסְן, אוּן הָאט אִים מְזַרֵז גֶעוֶוען: ״אַז עֶר זָאל תֵּיכֶּף פָארְן – טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענֶען יֶענֶעם ׳מֶלֶךְ׳ אִיבֶּערְיָאגְן – כְּדֵי עֶר זָאל פְרִיעֶר קוּמֶען אַהִין – אוּן אֲפִילוּ אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט נִישְׁט פְרִיעֶר קוּמֶען – הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַ ׳סִימָן׳ מֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן״!

אוּן דֶער ׳אַנְדֶערֶער׳ [מֶלֶךְ] – הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי מְיַישֵׁב גֶעוֶוען וִוי דֶער ׳עֶרְשְׁטֶער׳ [מֶלֶךְ] (אַז סְ׳אִיז פַאר אִים נִישְׁט גוּט אַז דֶער ׳בָּחוּר׳ זָאל דָא זַיין)! הָאט דֶער ׳אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ׳ אִים אוֹיךְ פַארְשִׁיקְט, אוֹיף צְוֵויי־הוּנְדֶערְט מַייל וַוייטֶער!

הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וִוידֶער, צוּם ׳דְרִיטְן׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳בָּחוּר, דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳, אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ ׳מֶלֶךְ׳ – דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶער ׳דְרִיטֶער׳ – אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט, כַּנַ״ל דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה). אוּן צוּ דֶעם ׳דְרִיטְן׳ [מֶלֶךְ] – הָאט עֶר נָאךְ מֶער ׳סִימָנִים׳ גֶעזָאגְט – זֵייעֶר־גוּטֶע ׳סִימָנִים׳!

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶער ׳עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן אִיז גֶעפָארְן אַהִין תֵּיכֶּף – אוּן אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם ׳אָרְט׳ פוּן דֶער ׳בַּת־קֵיסָר׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], דְהַיְינוּ: דִי ׳יְפַת־תּוֹאַר׳!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ ׳שִׁיר׳ – אוּן הָאט אַיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶעם ׳שִׁיר׳ מִיט ׳חָכְמָה׳, דִי אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ – דְהַיְינוּ: דִי ׳זִיבְּן עֵדוּת׳ הַנַ״ל [וָואס

אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] (דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן' – וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר 'סִימָנִים', וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אִין אִיר 'חָתָן', כַּנַ"ל. לוּשְׁמִיר [נָאר], וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶער 'חָכְמָה' פוּן דֶעם 'שִׁיר' – אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי 'זִיבְּן עֶרְטֶער' נִישְׁט 'כְּסֵדֶר' (דְהַיְינוּ: לְמָשָׁל עֶר הָאט בַּאדַארְפְט צוּ זָאגְן פְּרִיעֶר דֶעם 'גְרוּבּ', אוּן דֶערְנָאךְ דִי 'מִקְוֶה' וְכוּ' – אוּן עֶר הָאט 'פַּארְקֶערְט' גֶעזָאגְט) – וָוארְן סְ'אִיז אִים אַזוֹי אוֹיסְגֶעקוּמֶען עַל־פִּי 'חָכְמַת־הַשִּׁיר'.

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'אָרְט' (דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם 'אָרְט', וָואס וֶוער סְ'הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵךְ זַיְין מִיט אִיר, הָאט גֶעמוּזְט אוֹיף דֶעם 'אָרְט' אַרוֹיפְקוּמֶען, אוּן זָאגְן אַ 'שִׁיר' מִיט 'חָכְמָה', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט זַיְין 'שִׁיר'.

וִוי זִי הָאט דֶערְהֶערְט דִי 'עֶרְטֶער' (דְהַיְינוּ: דִי 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן') – אִיז [דָאס] בַּיי אִיר אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶוען – אִיז אִיר גֶעפֶעלְן: "אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי אִיר 'חָתָן'" – נָאר סְ'אִיז אִיר קָשֶׁה גֶעוֶוען, פַּארְוָואס עֶר זָאגְט זֵיי נִישְׁט 'כְּסֵדֶר' – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער], פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט הָאט זִי זִיךְ גֶעטְרַאכְט: אֶפְשַׁר מַחֲמַת דֶער 'חָכְמָה' פוּן דֶעם 'שִׁיר', אִיז אִים [אַזוֹי] אוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער 'סֵדֶר'.

אִיז בַּיי אִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין הַארְץ: "אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין"! הָאט זִי אִים אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז זִי אִיז זִיךְ מְשַׁדֵךְ מִיט אִים"!

אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה' אוּן אַ 'רַעשׁ': "בַּאֲשֶׁר [אַז] דִי 'יְפַת־תּוֹאַר' הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפוּנֶען אַ 'שִׁידוּךְ'" – אוּן מְ'הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶערֶעכְט [גֶעגְרֵייט] אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה'.

דֶערְוַוייל [אִינְצְוִוישְׁן] קוּמְט אָן דֶער 'אַנְדֶערֶער' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ', וָואס אִים הָאט אוֹיךְ דֶער 'בָּחוּר' אוֹיסְגֶעזָאגְט אַלֶע 'סִימָנִים', אוּן נָאךְ מֶער אַ 'סִימָן', כַּנַ"ל .

אוּן דֶער 'אַנְדֶערֶער' – אִיז אוֹיךְ גֶעלָאפְן אַהִין! הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז זִי הָאט שׁוֹין אַ 'שִׁידוּךְ' גֶעטָאן"!

אוּן עֶר הָאט דֶערוֹיף נִישְׁט גֶעקוּקְט – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, הָאט עֶר אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס עֶר וֶועט אִיר זָאגְן, וָואס עֶר וֶועט בְּוַודְאַי פּוֹעֶלְן"!

אִיז עֶר גֶעקוּמֶען (דְהַיְינוּ: דֶער 'אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ') – אוּן הָאט גֶעזָאגְט זַיְין 'שִׁיר'!

אוּן דֶער 'אַנְדֶערֶער' – הָאט שׁוֹין מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי אַלֶע 'עֶרְטֶער' 'כְּסֵדֶר' – אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן נָאכְמֶער אַ 'סִימָן'! הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט דֶער 'עֶרְשְׁטֶער'"?

זָאל עֶר זָאגְן דֶעם 'אֱמֶת'? אִיז זִיךְ [דָאס] פַּאר אִים נִישְׁט גוּט (דְהַיְינוּ: דֶער 'אַנְדֶערֶער' הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: עֶר קֶען אִיר נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן דֶעם 'אֱמֶת', אַז דֶער 'בָּחוּר' הָאט [פַּאר] דֶעם 'עֶרְשְׁטְן' אוֹיסְגֶעזָאגְט – וָוארְן דָאס טוֹיג זִיךְ אִים נִישְׁט, אַז זִי זָאל דָאס וִויסְן)!

הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר וֵוייסְט נִישְׁט" (פוּן וַואנֶעט דֶער 'עֶרְשְׁטֶער' הָאט גֶעוואוּסְט דִי 'סִימָנִים')!

אִיז בַּיי אִיר, דָאס אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ' גֶעוֶוען – אוּן זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פַּארְטוּמְלְט – וָוארְן דֶער 'עֶרְשְׁטֶער' הָאט זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ אוֹיסְדֶערְצֵיילְט דִי

אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ – אוּן פוּן וַואנֶעט זָאל אַ ׳מֶענְטְשׁ׳ וִויסְן דִי ׳סִימָנִים׳.

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, אִיז אִיר גֶעפֶעלְן: ״אַז דֶער ׳אַנְדֶערֶער׳, עֶר אִיז אִיר ׳חָתָן׳״ – וָוארְן זִי הָאט גֶעזֶעהְן, אַז עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט ׳כְּסֵדֶר׳ [דִי ׳זִיבְּן עֶרְטֶער׳] – אוּן דֶערְצוּ [הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן] נָאךְ אַ ׳סִימָן׳ מֶער – אוּן דֶער ׳עֶרְשְׁטֶער׳, אֶפְשַׁר אִיז דָאס אִים [אַזוֹי] אוֹיסְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶער ׳חָכְמָה׳ פוּן דֶעם ׳שִׁיר׳, וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי ׳עֶרְטֶער׳ [נִישְׁט ׳כְּסֵדֶר׳] נָאר זִי אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין (כְּלוֹמַר: זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין קַיין עֵצָה נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְּן – אִיז זִי [דֶערִיבֶּער] גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין – אוּן הָאט שׁוֹין מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין)!

אוּן דֶער ׳בָּחוּר׳, דְהַיְינוּ: דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳ – וִוי [וֶוען] דֶער ׳אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ׳ הָאט אִים פַארְשִׁיקְט – הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם ׳דְרִיטְן׳ [מֶלֶךְ] – אוּן הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט, גָאר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן עֶר הָאט אִים נָאךְ מֶער ׳סִימָנִים׳ גֶעזָאגְט, זֵייעֶר־גוּטֶע ׳סִימָנִים׳.

אוּן פַאר דֶעם ׳דְרִיטְן׳ [מֶלֶךְ] – הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעדְט גָאר זַיין ׳הַארְץ׳: ״בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר הָאט גֶעהַאט אַ ׳כְּתַב׳, וָואס אוֹיף דֶעם ׳כְּתַב׳ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] דִי אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳) – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְמָאלְן אוֹיף אַ ׳פַּאפִּיר׳, דִי אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ – אוּן זָאל אִיר [דָאס בְּרֶענְגֶען״!

אוּן דֶער ׳דְרִיטֶער מֶלֶךְ׳ – הָאט אוֹיךְ פַארְשִׁיקְט דֶעם ׳בָּחוּר נָאךְ וַוייטֶער צְוֵויי־הוּנְדֶערְט מַייל! אוּן דֶער ׳דְרִיטֶער׳ [מֶלֶךְ] – אִיז אוֹיךְ גֶעלָאפְן אַהִין – אוּן אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען!

הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: ״אַז סְ׳אִיז שׁוֹין דָא דָא דִי ׳צְוֵויי׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳צְוֵויי מְלָכִים׳ הַנַ״ל)״! הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ, וָואס עֶר וֶועט בְּוַודַאי פוֹעֶלְן״!

אוּן דִי ׳וֶועלְט׳ – הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, פַארְוָואס זִי וִויל דִי ׳דָאזִיגֶע׳ בֶּעסֶער, אֵיידֶער [מֶער פוּן] אַנְדֶערֶע. אוּן דֶער ׳דְרִיטֶער׳ – אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען – אוּן הָאט גֶעזָאגְט זַיין ׳שִׁיר׳, מִיט זֵייעֶר וואוילֶע ׳סִימָנִים׳, בֶּעסֶערֶע ׳סִימָנִים פוּן דִי ׳עֶרְשְׁטֶע׳ [צְוֵויי מְלָכִים].

אוּן עֶר הָאט גֶעוִויזְן דָאס ׳כְּתַב׳ (דְהַיְינוּ: וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין נָאכְגֶעמָאלְט [נָאכְגֶעמָאלְן] דִי ׳עֶרְטֶער׳) מִיט דִי אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ אוֹיסְגֶעמָאלְט! אִיז זִי זֵייעֶר נִבְהַל גֶעוָוארְן (כְּלוֹמַר: דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְטוּמְלְט) – נָאר זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן קַיין שׁוּם זַאךְ – מַחֲמַת [וַוייל] אוֹיף דֶעם ׳עֶרְשְׁטְן׳ הָאט זִי זִיךְ [דָאךְ] אוֹיךְ גֶעמֵיינְט, אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין [דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳] – אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דֶעם ׳אַנְדֶערְן׳ [הָאט זִי אוֹיךְ אַזוֹי גֶעמֵיינְט] – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט זִי גֶעזָאגְט: ״אַז זִי וֶועט שׁוֹין נִישְׁט גְלֵייבְּן, בִּיז מְ׳וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען, אִיר אֵייגְן ׳כְּתַב׳ אַלֵיין״!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםמאן (6)

**א. וועלכע סימנים האט ער איבערגעגעבן פאר דער קעניג פון יענע לאנד**
- ❑ די זיבן וואסערן
- ❑ די כתב וואס ער האט באקומען פון די בת קיסר
- ❑ די סימן אין וועלכע בוים ער האט באהלטן די כתב

**ב. וואס האט דער קעניג געטאן פארן זון פון בערגיר?**
- ❑ ער האט אים פארשיקט הונדערט מייל
- ❑ ער האט אים פארשיקט צוויי הונדערט מייל
- ❑ ער האט אים געמאכט פאר א יעדניראל

**ג. וואס האט דער זון פון בערגיר נאכדעם געטאן?**
- ❑ ער האט איבער געגעבן די סימנים פאר א אנדער קעניג און האט צו געלייגט נאך א סימן
- ❑ ער איז אליין געגאנגען צו די טאכטער פון קיסר
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען אין מדבר

**ד. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דער ערשטער קעניג?**
- ❑ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך נישט משדך מיט אים ווייל די וואסערן זענען נישט לויטן ריכטיגן סדר
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ה. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דעם צווייטן קעניג?**
- ❑ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט אים געפרעגט פון וואו ווייסט דער ערשטער קעניג
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ו. וואס האט געטוהן דער זוהן פון בערגיר נאכדעם וואס דער צווייטער קיסר האט אים פארשיקט?**
- ❑ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן די סימנים
- ❑ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צום ערשטן קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים

**ז. וואס נאך האט דער זון פון בערגיר דערציילט פאר'ן דריטן קיסר?**
- ❑ אז ער האט געהאט א כתב וואס ס'איז געווען אויסגעמאלט אלע פלעצער
- ❑ אז ער זאל זיך אויס מאלן אויף א פאפיר די זיבן וואסערן און זאל איר עס ברענגען
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר'ן דריטן קעניג וואס האט איר געוויזן די כתב וואס ער האט נאכגעמאלען די זיבן וואסערן?**
- ❑ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי איז שוין משודך מיט דער פריעדיגער קעניג
- ❑ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז מען וועט איר ברענגען איר אייגן כתב אליין

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**אויף וועמען דערציילט דער רבי ביי די מעשה – אז ער האט געזאגט א ליגנט ?**

### תשובות אויף פאריגע וואך

**וועלכע זאך איז דער בן הבערגיר געראטן צו די בת קיסר ?**

ביידע פלענער שפילן אויף כלי שיר

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַ נִסָיוֹן – פַאר דַיין טוֹבָה

דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער הָאט גֶענוּמֶען דֶעם טַייֶערְן כְּתַב וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּנֶעם קַייזֶערְ'ס טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזוּנְגֶען. זִינְגֶענְדִיג, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אִיבֶּער אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, מִיט זַיין פָּאטֶער אוּן זַיין עֲשִׁירוּת. אַצִינְד, גֶעפוּנְט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע - דָאס כְּתַב אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען!

עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן, בִּיז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַן עֶרְנְסְטֶע סַכָּנָה עֶר זָאל אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען פוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן דָארְטְן.

קֶען מֶען דֶען פַארְשְׁטֵיין זַיין וֵוייטָאג נָאכְן פַארְלִירְן אַזַא וֶוערְטְפוּלֶע כְּתַב?! אִין דֶעם אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אָנְגֶעהָאנְגֶען זַיין גַאנְצְן הָאפֶענוּנְג, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁטַארְקְן קֶשֶׁר מִיטְן קַייזֶערְ'ס טָאכְטֶער. אַצִינְד, מִיט וָואס אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן?

אָבֶּער נָאךְ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען וִוי עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען רֶעדְן מִיט אִיר, אוּן אִיר דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דִי זִיבְּן וַואסֶערְן, אוּן זִי הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט בִּיז וֶוען זִי הָאט אַלֵיינְס גֶעזֶען דֶעם כְּתַב - דַאן הָאבְּן מִיר גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיטְן פַארְלִירְן דֶעם כְּתַב. וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעהַאט דָאס כְּתַב, וָואלְט עֶר דָאךְ זִיכֶער דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן אִיר עֶס טְרָאגְן, אוּן דֶעמָאלְט וָואלְט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵוייטְן. וִויבַּאלְד אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהַאט, אִיז עֶס אִים גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן יְשׁוּעָה.



מִיר קֶערְן זִיךְ אוּם צוּם שְׁמוּעֶס פוּן דָוִדְ'ל מִיט זַיין זֵיידֶע.

"עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען בְּלָאזְן אַ וִוינְט, אֶפְשָׁר לָאמִיר אַרַיינְגֵיין טְרִינְקֶען אַ וַוארִימֶע טֵיי?" פְרֶעגְט דֶער זֵיידֶע. דָוִדְ'ל שָׁאקְלְט צוּ מִיטְן קָאפּ, אִינְאֵיינֶעם קוּמֶען זֵיי אַרַיין פוּנֶעם בַּאלְקָאן. דָוִדְ'ל שְׁלִינְגְט אֵיידְל פוּנֶעם הֵייסְן גְלֶעזְל, אוּן עֶר פַאנְגְט אָן צוּ טַעֲנֶה'ן:

"גוּט, דָאס וָואלְט גֶעוֶוען גוּט וֶוען עֶס וָואלְטְן נָאר גֶעוֶוען דִי שְׁוֶועריגְקַייטְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרִידֶערְס, אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען כִּמְעַט נִישְׁט אִין

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב
ע"י המחותנים

הר"ר יואל צבי ראטענבערג הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

הר"ר אשר אנשיל סאמעט הי"ו
לרגל אירוסי בנו הבה"ח יעקב הי"ו

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אליעזר ליפא פאפנהיים הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו הבה"ח ראובן נ"י, הבר מצוה תתקיים
בעז"ה ד' יתרו באולם מנוחה ושמחה, בית שמש

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יהודא פיליפ הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב